# נַקְדִּישָׁךְ

די אומשאצבארע
**סגולה**
און די געוואלדיגע
**מעלה**
פון
**נישט רעדן ביים דאווענען**

גליון י"ג

## די הארבקייט פון רעדן ביים דאווענען

עס איז וואונדערליך מיטצוהאלטן וואן איין וואך אויס די אלע מורא'דיגע סיפורים ווי אידן וואס האבן זיך אונטערגענומען קבלת טובות בכבוד התפלה, ובפרט נישט צו שמועסן ביים דאווענען, האבן זוכה געווען צו אפענע ישועות למעלה מדרך הטבע. דאס מאל ווילן מיר אבער זיך ערלויבן צו ברענגן א נישט "היינטיגע" מעשה, איבער די הארבקייט פון רעדן אינמיטן דאווענען, א סיפור פון אונזערע גרויסע צדיקים פון אמאל.

דער הייליגער חוזה פון לובלין זי"ע איז אמאל אריין אין זיין הייליגן רבי'נס שטוב - דער הייליגע רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע - און האט געזעהן ווי דער רבי זיצט און קרעכצט זייער צובראכן. דעם חוזה האט דאס זייער וויי געטוהן, האט ער געפרעגט זיין רבין דעם באדייט דערפון. רופט זיך אהן דער רבי: ווי אזוי קען איך זיין נישט צובראכן אז איך האב עובר געווען אן עבירה?

מיט גרויס פארוואונדערונג פרעגט דער חוזה: "וואס פאר אן עבירה האט דען דער רבי עובר געווען?"

"איך האב גערעדט אינמיטן דאווענען", האט דער רבי ר' אלימלך געענטפערט זיער צובראכן.

דאס האט פאסירט ווען דער רבי ר' אלימלך האט אנגעהויבן זאגן "הודו" איז פונקט אריין געקומען א פארביטערטע פרוי און געוויינט אז איר קינד איז זייער קראנק און איז אין א גרויסע סכנה, האט דער רבי ר' אלימלך איר געפרעגט איר נאמען און איר טאכטער'ס נאמען כדי צו קענען מתפלל זיין פאר איר דאס איז געווען די גרויסע עבירה.

דער חוזה האט געוואלט בארואיגן זיין רבין רופט ער זיך אן: "רבי דאס איז דאך געווען פיקוח נפש וואס איז דוחה אלע מצוות!" דער רבי האט זיך אבער נישט בארואיגט.

"רבי, על פי הלכה מעג מען נאך אויסרעדן ביי הודו ווייל עם איז נאך פאר "ברוך שאמר", רופט זיך אהן די תלמיד. אבער דער רבי רופט זיך אהן: "לויט דעם אשכנז'ישן נוסח איז שוין הודו נאך "ברוך שאמר" און מען טאר שוין נישט אויסרעדן".

דער רבי ר' אלימלך האט זיך זייער שווער בארואיגט און האט זיך מקבל געווען א גרויסע תשובה אויף די עבירה.

"פון דעם דארף מען זיך אפלערנען" - האט דער חוזה געענדיגט דערציילן די מעשה - "ווי שטארק מען דארף מורא האבן פון אן עבירה, אז אפילו פון א חשש פון אן עבירה, איז דער רבי אזוי צובראכען געווארען".

הרה"צ ר' אלימלך בידערמאן שליט"א ביי איינע פון זיינע שיעורים האט אמאל מעורר געווען אויף דעם ענין זאגענדיג: "אז מ'רעדט וועגן תפלה, איז נאך אמאהל כדאי מעורר צו זיין וועגן דעם גרויסן איסור פון רעדן ביים דאווענען. עס שטייט אין "אגרת הקודש" פונעם בעל התניא זי"ע (אגרת ו) וועגן דעם גרויסן איסור פון רעדן ביים דאווענען: "על כן שליחותיהו דרז"ל קא עבידנא, לגזור גזירה שוה לכל נפש, שלא לשוח שיחה בטילה משיתחיל השליח ציבור להתפלל התפלה, עד גמר קדיש בתרא שחרית ערבית ומנחה", מיר זענען מקיים די שליחות פון חז"ל, גוזר צו זיין א גזירה וואס אין גלייך צו יעדן איינעם, נישט אויסצורעדן א ווארט פון ווען דער שליח ציבור הייבט אן צו דאווענען ביז נאכן לעצטן קדיש, ביי אלע דריי תפילות. און איינער וואס האט יא גערעדט ביים דאווענען, זאל ער נאכ'ן דאווענען זיך אוועקזעצן אויף דער ערד און בעטן א היתר

בס"ד

### בְּחוֹדֶשׁ אֱלוּל אֲנִי מְקַבֵּל עָלַי:

אֲנִי בָּא לְבֵית הַמִּדְרָשׁ כִּי "יָבוֹאוּ וְיִשְׁתַּחֲווּ לְפָנֶיךָ אֲ-דֹ-נָ-י וִיכַבְּדוּ לִשְׁמֶךָ" רַק כְּדֵי "לְהַשְׁמִיעַ קוֹל אֶחָד לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לַה'" אֲבָל "וַאֲנִי כְּחֵרֵשׁ לֹא אֶשְׁמָע וּכְאִלֵּם לֹא יִפְתַּח פִּיו" בְּשִׂיחַת חוּלִין בְּשׁוּם פָּנִים וָאוֹפֶן, אֲפִילוּ אִם "מוּזָר הָיִיתִי לְאֶחָי וְנָכְרִי לִבְנֵי אִמִּי".

בִּזְכוּת זֶה אֶזְכֶּה שֶׁ"וְהָיוּ לִי לְעָם וַאֲנִי אֶהְיֶה לָהֶם לֵאלוֹקִים", וְאָבִיא עָלַי רֹב בְּרָכוֹת "וְיִתֵּן אוֹתָם לְרַחֲמִים לִפְנֵי כֹּל", "וְנָתַתִּי לָהֶם לֵב אֶחָד וְדֶרֶךְ אֶחָד לְיִרְאָה אוֹתִי כָּל הַיָּמִים לְטוֹב לָהֶם וְלִבְנֵיהֶם אַחֲרֵיהֶם".

יבואו וישתחוו תהילים פו ט | להשמיע קול דה"ב ה י"ג | ואני כחרש תהילים לח יד | מוזר הייתי תהילים סט ט
והיו לי ספר זכריה | ויתן אותם תהילים קו מו | ונתתי להם ירמי' לב לט

להשיג חינם: חברת "ומקדשי תיראו" | 0573199990 a0573199990@gmail.com

מנידוי של מעלה, ווייל דער וואס רעדט ביים דאווענען, אין מנודה בנידוי של מעלה רח"ל!

ר' אלימלך שליט"א האט דאן צוגעלייגט א ערשטהאנטיגע סיפור (א היינטיגע מעשה...) וואס הרה"ג ר' קלמן ווייס שליט"א פון בית שמש, האט איהם דערציילט, אז ער האט אמאהל געהערט ווי איינער פון זיינע קרובים, וואס האט געווארט אכט יאר אויף קינדער, האט געזאגט: - רבונו של עולם, איך בין מקבל אויף זיך נישט צו רעדן "בין גברא לגברא", אבער גיב מיר א גברא!...

דערציילט ר' קלמן, אז ניין חדשים שפעטער, האט דער יונגערמאן געמאכט א ברית...

## איז פאראן א רפואה פאר אונזער בן יחיד'ל?!

מיט א פארקלעמט, צובראכן און דער שלאגן הארץ, מיט א שווארצן וואלקן באגלייט אויף זייער געזיכט, האט דאס פארפאלק פארלאזט דעם בארימטן דאקטער, דער קעניג אינעם פעלד פון רפואה, ווערנדיג באקאנט מיט דעם ביטערן מציאות וואס האט אין איין ווייללע געטוישט זייער לעבן אויף אייביג, אז זייער איין-איינציג קינד, דער טרוים פון זייער לעבן, דער האפענונג פון זייער אנוועזנהייט, איז ליידער געווארן דיאגנאזירט מיט די ביטערע מחלה היי.




זינט יענעם באזוך ביים דאקטער האט דער סדר היום ביי משפחת פ. זיך געענצליך געטוישט. פון אפווארטן א געזונט פריש חדר-אינגל מיט שלאנקע שווארצע פיאות און א לעכטיגן שמייכל, ביז פארן-און-קומען פון און צום שפיטאל, טעסטס, שעה'ן לאנגע ווארטן ביי דאקטוירים, פיינפולע חדשים פון טערעפי און היילונגען, און דאס מערסטע האט דאס אינג פארפאלק פארברענגט אומצאליגע שעה'ן מיט תפלות ותחנונים, און פארגאסן טייכן טרערן ביים תהלים'ל אויף א רפואה שלימה פאר זייער בן יחיד'ל, דער אכט יעריגער "משה יצחק בן שרה מלכה".

א צייט איז זיך פארלאפן, ס'האט שוין אויסגעקוקט בעסער, די האר האט אנגעהויבן צוריקוואקסן, אבער דאן האבן די קאמפליקאציעס איבערגענומען די סיטואציע. איינס שלעפט דאס צווייטע, און מ'האלט ביים אנהויב, און אינצווישן וואלגערט זיך דאס קינד מיט שרעקליכע יסורים נוראים, וואס נאר איין באשעפער קען לינדערן מיט א רפואה שלימה, וישועת ה' כהרף עין.

ווי א שטייגער האט דער פאטער אנגעקלאפט אין די טירן פון גדולים וצדיקים, געפארן אויף קברי צדיקים, זיך מזכיר געווען ביי הייליגע אידן, און מרעיש עולמות געווען לטובת זיין בן יחיד.

אין איינעם א פארנאכט האט דער פאטער – וועלכער האט דאן געוואוינט אין די חרדישע בארא פארק - זיך אויסגעוויינט דאס הארץ פאר זיינס א חבר. האט אים דער ידיד מייעץ געווען אז ער וועט מזכיר זיין דאס קינד ביי זיין רבין, דער בארימטער גדול אין לעצטן דור, הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל וועלכער איז געווען מפורסם מיט זיין הרבצת התורה בהשקפה ברורה.

ווען דער גדול האט זיך צוגעהערט צו דעם ביטערן מצב פון דאס קינד, האט ער באלד געפרעגט דעם אינגערמאן: "זאג נאר, אין וועלכן ביהמ"ד דאווענט דיין חבר?".

ווען ער האט איהם געענטפערט דעם נאמען פון ביהמ"ד האט ער ווייטער געפרעגט: "איז מען דארט נזהר נישט צו רעדן ביים דאווענען?".

האט ער געענטפערט: "לאו דוקא!".

באלד האט דער גדול פארגעזעצט: "נו, וואס איז דער וואונדער? מיר געפינען נישט ביי קיין שום פאל אז דער שולחן ערוך זאל פסק'ענען דעם לשון יוגוורים בו", נאר ביים דין פון רעדן ביים דאווענען, און די סיבה דערצו איז, ווייל אין א ביהמ"ד וואו מ'רעדט ביים דאווענען, שטערט דאס אלע תפלות און בקשות פון ארויפגיין אין הימל, קומט אויס אז דער וואס שמועסט ביים דאווענען איז א גוזל את הרבים און ער שעדיגט יעדן יחיד אין ביהמ"ד אז זייער תפלה זאל נישט אנקומען אין ריכטיגן פלאץ, ער גנב'עט זייערע השפעות, און דאס איז דער גורם אז אויך די ערליכע תפלות זאלן ווערן צוריקגעוויזן פון הימל".

"איז - האט דער גדול אויסגעפירט - ביי אייער ידיד, אז ער דאווענט אין אביהמ"ד וואו מ'איז נישט נזהר צו רעדן ביים דאווענען, וויאזוי קלערט ער אפילו אז ער קען דארט געהאלפן ווערן? אין א ביהמ"ד וואו מ'רעדט ביים דאווענען קען מען קיין ישועה נישט האבן! זאג דיין חבר אז כדי זיין תפלה זאל קענען נתקבל ווערן זאל ער זיך אוועקציען דאווענען נאר צו א ביהמ"ד וואו מ'איז נזהר נישט צו רעדן ביים דאווענען".

פארשטענדליך אז דער פאטער פון דעם קראנקן בן יחיד"ל, וועלכער האט אזוי שטארק ארויסגעקוקט אויף א ישועה מן השמים, האט אנגעהויבן דאווענען אין א ביהמ"ד וואו מ'איז נזהר אין קדושת ביהמ"ד, און ביז געצילטע וואכן איז ער איבערראשט געווארן ווען ער האט געהערט פונעם דאקטער, וואו ער קוקט צו מיט וואונדער אז אויפן קינד זעט זיך נישט אן מער קיין זכר פון די ביטערע מחלה! דער דאקטער האט צוגעגעבן אז דאס קען נישט זיין במציאות נאר אז דער יד ה' האט דא באוויזן אומגלויבליכע וואונדער!

דער פאטער האט גאר גוט געוואוסט וואס האט צוגעברענגט די ישועה, און האט מקבל געווען אויף זיך צו מפרסם זיין די מעשה, צו צייגן עד היכן הדברים מגיעים.

(געהערט פונעם בעל העובדה)

- ארויסגענומען פונעם גליון עבודת התפלה -